**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/10/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון ריזן פראיעקט צו מאדערניזירן מעטראָו-נארט רעילראָוד'ס אויפהאלטונג און אפעראציעס צענטער ביי קראָטאן-אָן-האדסאן**

***פראיעקט וואס האט גענומען עטליכע יאר מאדערניזירט פאררעכטונג און אויפהאלטונג איינריכטונגען, ערלויבנדיג מעטראָו-נארט צו פארזעצן היסטארישע צייטליכקייט ציפערן***

***פראיעקט פארענדיגונג אנאנסירט נאכפאלגנדיג רעילראָוד'ס בעסטע חודש מיט צייטליכקייט אין איר 41-יאריגע היסטאריע***

***ווידעאו פון Harmon Shop פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון מאדערניזירונגען צו די MTA מעטראָו-נארט רעילראָוד'ס קריטישע אויפהאלטונג און אפעראציעס צענטער אין קראָטאן-אָן-האדסאן, ניו יארק, וואס באשעפטיגט 1,200 מענטשן. מיט די עפענונג פון די נייע 400,000 סקווער-פיסיגע איינריכטונג, באקאנט אלס די Harmon Shop, וועט מעטראָו-נארט קענען ווייטער אנהאלטן די באן פארלעסליכקייט און נאכקומען די אויפהאלטונג באדערפענישן פון אירע באנען פאר פילע צענדליגע יארן אין די צוקונפט.

"די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף אונזער פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז אונזערע טראנספארטאציע סיסטעמען בלייבן זיכער, ווירקזאם און פריינטליך צו רייזנדע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די מאדערניזירונגען זענען אינוועסטירונגען פאר די באנען צו פארן פארלעסליכערהייט פאר די פובליקום, מיט באנען אנקומענדיג אין צייט און מיט גענוג וואגאנען צו פירן אלע פאסאנזשירן וואס ווילן פארן דערמיט."

**ניו יארק סענאט מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוּארט-קאָזינס האט געזאגט,** "די קראָטאן-הארמאן גאראזש שפילט א צענטראלע ראלע ביים פארזיכערן אז די מעטראָו-נארט רעילראָוד קען צושטעלן פארלעסליכע סערוויס פאר אונזערע איינוואוינער, און איך בין שטאלץ צו האבן פארזיכערט קריטישע אינוועסטירונגען פאר די MTA'ס אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונגען פראגראם צו פארזיכערן אז קריטישע מאדערניזירונגען זענען פארענדיגט געווארן פאר די פארנומענע צענטער און די עפענונג פון די Harmon Shop, א נייע ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וואס וועט פארזיכערן אז די MTA קומט נאך די אויפהאלטונג באדערפענישן פון די מעטראָו-נארט באן פלאטע יעצט און אריין אין די צוקונפט."

דער פראיעקט, וואס רעכנט אריין סטעיט און פעדעראלע פינאנצירונג, מאדערניזירט די רעילראָוד'ס הארץ פון אפעראציעס. ווען מעטראָו-נארט האט גערירשנ'ט די לאקאציע פון אירע באן סערוויס פארגייער אין 1983, איז עס אויפן פלאץ אנערקענט געווארן צו זיין נישט גענוג צו נאכקומען די באדערפענישן פון מאנשאפטן וועלכע וועלן דארפן אויפהאלטן די רעילראָוד'ס פלאטעס פון באן וואגאנען און לאקאמאטיוון.

די MTA האט אידענטיפיצירט אינפראסטרוקורישע געלטער צו מאכן מאדערניזירונגען אין די שפעטע 1990'ער, און ארבעט איז געווען אונטערוועגנס זינט 2001 צו מאכן די נויטיגע מאדערניזירונגען.

די ענדגילטיגע פאזע פון דעם פראיעקט האט ארייינגערעכנט די קאנסטרוקציע פון א גענצליך נייע איינריכטונג וואס רעכנט אריין פאררעכטונג און אויפהאלטונג גאראזשן. די ערשט-קלאסיגע איינריכטונג ערלויבט מעטראָ-נארט צו דורכפירן איר פארלעסליכקייט-צענטרירטע אויפהאלטונג ( Reliability Centered Maintenance) פראגראם און צו קענען אקאמאדירן אומפלאנירטע פאררעכטונגען אויף זייער גאנצע עלעקטראנישע פלאטע. די איינריכטונג איז אויסגעשטאט געווארן מיט צוועלף מאשינען צו אויפהייבן וואגאנען ארויף פון די רעלסן, פיר ספעציעלע רעלסן וואס ערלויבן צו ארבעטן אויף וואגאנען און מערערע פלאטפארמעס מיט די הייעך פון די טירן און פון די דאך צו ארויסהעלפן מיט אויפהאלטונג צו פארמיידן פראבלעמען. די צווייטע שטאק איז דעזיינט צו מאכן דאס ארומשיקן חלקים צווישן די נייע עלעקטראנישע גאראזש און די דערנעבנדע שטיצנדע גאראזשן און די גאראזש פאר אויפהאלטונג פון גאנצע באנען דורכן ארייננבויען א סערוויס קארידאר וואס פארבינדט אלע דריי געביידעס.

פאר איבער 100 יאר שפילט די הארמאן גאראזש א קריטישע ראלע אין די רעילראָוד'ס טעגליכע אפעראציעס. דורך די מעטראָ-נארט'ס בליק אויף פאראויס און פלייסיגע פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע, איז דער פראיעקט פארענדיגט געווארן אין לויף פון 23 יאר אין פינף פאזעס:

**פאזע 1:** מאנשאפטן האבן געבויט סערוויס רעלסן, א נייע אָווערפּעס בריק פאר ארבייטער און עלעקטריציטעט פאר די באנען ווען זיי זענען אפגעשטעלט אין די גאראזש כדי צו באדייטנד רעדוצירן אנגעצינדענע מאטארן אין די גאראזש, רעדוצירנדיג גערוישן פאר די ארומיגע שכנים און פראדוצירנדיג וויניגער פאַסיל ברענשטאף עמיסיעס.

**פאזע 2:** מאנשאפטן האבן געהויבט א קאמוניקאציעס געביידע און א געביידע פאר אויפהאלטונג פון רעלסן, און זיי האבן געמאכט ענדערונגען צו די מאטעריאלן דיסטריביוּשען צענטער.

**פאזע 3:** מאנשאפטן האבן געבויט א נייע זיצן פאררעכטונג גאראזש און א נייע לאקאמאטיוו גאראזש, און אזוי אויך אן איינריכטונג צו זיכער מאכן אז די רעדער זענען אין גוטע צושטאנד מיט א מאשין אויף די ערד צו אויספארעמען די רעדער בשעת זיי באהאפטן צו די וואגאנען דעזיינט צו אויפהאלטן די מעטראָ-נארט'ס פלאטע פון M-7 עלעקטרישע וואגאנען וואס טרייבן זיך אליין און אזוי אויך צוקונפטיגע פלאטעס.

**פאזע 4:** די פאזע האט געברענגט וויכטיגע פאררעכטונגען אויף געביידעס וואס דינען מערערע צוועקן צו ארייננעמען גאראזשן, בעיקר אויף די מערב אפטיילונג פון די געביידע צו שפעטער בלייבן אפן דורכאויס קאנסטרוקציע, און אזוי אויך די קאנסטרוקציע פון א נייע דאך צו האלטן אונטער דעם רעדער אין די צפון הויף.

**פאזע 5:** די פאזע האט געברענגט די פולשטענדיגע ערזעצונג פון די געביידע וואס דינט מערערע צוועקן אין צווי שטאפלען. די ערשטע שטאפל איז געווען די קאנסטרוקציע פון א נייע באן גאראזש וואס איז צוגענגליך פון ביידע זייטן מיט צווי רעלסן וואס קען ארויפנעמען צען וואגאנען יעדע איינס. די צווייטע שטאפל האט אריינגערעכנט די קאנסטרוקציע פון די EMU רעגלמעסיגע פאררעכטונג און שטיצנדע גאראזשן.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "מעטראָ-נארט סערוויס איז קיינמאל נישט געווען בעסער — מיט 99% צייטליכקייט דאס יאר ביז יעצט. א גרויסע סיבה דערפאר איז די וועג וויאזוי אונזער וואגאן פלאטע ווערט אויפגעהאלטן און פאררעכטן דא ביי Harmon Shop — אן ערשט-קלאסיגע איינריכטונג וואס איז נישט הונטערשטעליג נאך קיין איין אנדערע פלאץ."

**MTA מעטראָ-נארט רעילראָוד פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "די Harmon Yard איז די הארץ פון מעטראָ-נארט'ס אפעראציעס, און די צייט פון די פראיעקט פארענדיגונג וואלט נישט געקענט זיין בעסער. מעטראָ-נארט האלט יעצט אינמיטן א באאיינדרוקספולע שוואונג — פיר יאר אין א ציה מיט צייטליכקייט פון צום וויניגסטנס 97 פראצענט. יעצט, מיט א פארענדיגטע Harmon גאראזש, קען די רעילראָוד פארזעצן צו אהערשטעלן אויסערגעווענטליכע סערוויס פאר די צענדליגע טויזנטע טעגליכע פאסאנזשירן."

**MTA קאנסטרוקציע און דעוועלאפמענט פרעזידענט, דזשעימי טארעס-ספרינגער, האט געזאגט,** "דאס איז די סארט לאנג-טערמיניגע אינוועסטירונג וואס עס פאדערט זיך צו ברענגען א הונדערט-יאר-אלטע סיסטעם אריין אין די מאדערנע עפאכע. א דאנק די אנגייענדע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג, וועלן מעטראָ-נארט פאסאנזשירן בענעפיטירן פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט,** "פיל גראטולירנדע וואונטשן פאר מעטראָ-נארט רעילראָוד אויף די פארענדיגונג און עפענונג פון די נייע קראָטאן-הארמאן אויפהאלטונג און אפעראציעס צענטער. פובליק טראנספארטאציע אין און ארויס פון די סיטי איז גאר וויכטיג פאר די קוואליטעט פון לעבן פון וועלכע מיר געניסן אין ניו יארק'ס סאָבאורבען געגנטער. די איינוואוינער פון מיין דיסטריקט און אלע פאסאנזשירן בענעפיטירן פון די און פילע אנדערע פארבעסערונגען וואס מעטראָ-נארט זעצט פאר צו מאכן. א דאנק פארן האלטן די באנען אין א גוטע צושטאנד און צייטליך."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאנא לעווענבערג האט געזאגט,** "די פארענדיגונג פון די גרויסארטיגע אינפראסטרוקטור מאדערניזירונג אין מיין דיסטריקט איז גאר גוט נייעס. די מאדערניזירונגען וועלן האלטן אונזער באן סערוויס זיך רוקנדיג אין די ריכטיגע ריכטונג אזוי ווי מעטראָ-נארט זעצט פאר צו ברעכן רעקאָרדס מיט צייטליכקייט. חוץ פון פארבעסערן די פארלעסליכקייט פון באן סערוויס און אפעראציעס, וועט עס אויך זיכער מאכן אז די הארמאן גאראזש פארבלייבט א שטארקע ארבעטסגעבער אין די געגנט. איך בין אזוי דאנקבאר פאר די פעדעראלע און סטעיט געלטער וואס האבן געשטיצט דעם פראיעקט."

**אסעמבלי מיטגליד קען זעבראַוסקי האט געזאגט,** "די קראָטאן-הארמאן גאראזש איז א קריטישע איינריכטונג וואס פירט דורך וויכטיגע ארבעט צו האלטן באנען פארנדיג און ניו יארקער אויף די באוועגונג. די פארבעסערונגען וועלן זיכער מאכן אז די גאראזש האט די נויטיגע עקוויפמענט און אינפראסטרוקטור צו פארזעצן די שווערע ארבעט. איך בין באגייסטערט צו זעהן די פארענדיגונג הײנט, און איך קוק ארויס צו זעהן די ווערט וואס זיי וועלן צולייגן צו אונזער טראנספארטאציע סיסטעם."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, דזשארדזש לאטימער, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר פייערן די Harmon Shop, טוהען מיר נישט בלויז צוזעהן די אויסברייטערונג פון אן איינריכטונג; נאר מיר זעהען צו מעטראָ-נארט'ס פארפליכטונג צו אויסגעצייכנטקייט און פארלעסליכקייט ווערנדיג ווידערהאלט. איך באדאנק די גאווערנער פאר איר איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן זיכערע, ווירקזאמע און פארלעסליכע טראנספארטאציע פאר פאסאנזשירן וואס פארלאזן זיך אויף די מעטראָ-נארט יעדן טאג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן